בס"ד

שמיני תשפ"ה

גליון 234

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַשְׁרֵינוּ אַז מיר האָבן זוכה געווען צו דורכגיין אַזאַ שיינע לעכטיגע יום טוב פֶּסַח, זיך אָפּגעהיטן פון עסן חָמֵץ און זוכה געווען צו עסן די הייליגע מַצּוֹת און אַלע מִצְווֹת פונעם יום טוב. ר' נַחְמָן טשעהרינער פלעגט זאָגן: "דער יום טוב איז נישט אַריבער דער יום טוב איז אַריין!".

מיר שטייען יעצט אין גאָר דערהויבענע טעג פון סְפִירַת הָעֹמֶר וואס די גאַנצע מִצְוָה איז געגעבן געוואָרן זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב שָׁבוּעוֹת, צו באַקומען די הייליגע תּוֹרָה פון דאָסניי. עס ווערט אַסאַך אַרומגערעדט אין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת וועגן די הייליגע מִצְוָה פון סְפִירָה וויאַזוי דאָס איז נוגע פאַר אונז אַלע אויף לְמַעֲשֶׂה צו דינען מיט דעם דעם אויבערשטן.

מיר וועלן נעמען איין נְקוּדָה פון אַ באַוואוסטע הֲלָכָה (חֹשֶׁן מִשְׁפָּט הִלְכוֹת פִּקָּדוֹן ד') וואו ר' נָתָן ברענגט אַראָפּ די תּוֹרָה ער"ב (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קַמָּא) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" עס איז אַ גרויסע כְּלָל אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז דער מענטש זאָל נישט האַלטן פאַר זיינע אויגן נאָר דעם היינטיגן טאָג! סיי אין פַּרְנָסָה און אין טאָג טעגליכן לעבן זאָל דער מענטש נישט טראַכטן פון היינט אויף מאָרגן. אַזוי אויך אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם זאָל דער מענטש האַלטן פאַר זיינע אויגן נאָר דעם היינטיגן טאָג און די שָׁעָה וואו איך געפין זיך יעצט.

ווייל ווען מען וויל אַריין גיין אין עֲבוֹדַת ה' דאַכט זיך פאַרן מענטש אַז ער שלעפּט אַ שווערן מַשָּׂא, און ער קען עס נישט דערהייבן, אָבער אויב מען נעמט נאָר דעם היינטיגן טאָג וועט עס בִּכְלָל נישט זיין קיין לאַסט, אַזוי אויך זאָגט דער רֶבִּי דאָרט אַז אַ מענטש זאָל נישט אָפּשטופּן קיין שום זאַך פון איין טאָג אויפן צווייטן און זאָגן: "מאָרגן וועל איך דאַווענען מיט כַּוָּנָה, מאָרגן וועל איך מיר נעמען צום לערנען א.ד.ג. ווייל אַ מענטש האָט נישט נאָר דעם היינטיגן טאָג און דעם שָׁעָה וואו ער געפינט זיך יעצט. דער מאָרגנדיגער טאָג איז שוין אַן אַנדער וועלט אינגאַנצן. דאָס מיינט "הַיּוֹם" - דַּוְקָא היינט"

דאָס איז די כַּוָּנָה פון סְפִירַת הָעֹמֶר אַז גלייך ביים אָנהייב טאָג רופט מען אויס: "הַיּוֹם! היינט איז אַזויפיל און אַזויפיל טאָג צום עֹמֶר" דאָס מיינט אַז יעדן טאָג טרעפט זיך דער מענטש אָן מיט שוועריקייטן און מְנִיעוֹת. היינט בין איך אויפגעשטאַנען שפּעט, איך האָב נישט קיין כֹּחַ צו לערנען, היינט האָב איך אַ בַּר-מִצְוָה אָדער אַ חֲתוּנָה א.ד.ג. די טאָג רעכן איך שוין נישט פאַר אַ טאָג. עס וועט שוין מְמֵילָא אַריבער גיין מיט גאָרנישט. זאָגט ר' נָתָן ניין! הַיּוֹם! - דער היינטיגן טאָג איז אויך אַ טאָג, קענסט זיך נאָך מיטכאַפּן מיטן באַן, עס איז בְּוַדַּאי יאָ דאָ אַסאַך אַסאַך גוטס באַהאַלטן אין דעם טאָג, נאָר עס איז אַרומגענומען מיט וואָלקענעס און טינקלקייט, אָבער אַז מען וועט זיך עקשנ'ען און גלייבן אין דעם טאָג וועסטו קענען אַריינכאַפּן אַסאַך טוב אין דעם טאָג.

ר' נָתָן בעט זיך אין תְּפִלָּה ל"ו (חֵלֶק שֵׁנִי) אַזוי:

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו
לרגל אירוסי הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר הערשל מאיער הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן יֶעדֶע מִצְוָה אוּן מִצְוָה וִוי גְרוֹיס אִיז אִיר כֹּחַ אוּנְז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן אַלֶע מְקוֹמוֹת וואוּ מִיר זֶענֶען אַרײַנְגֶעפַאלְן בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אוּן אוּנְז צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּ דִיר. בִּפְרָט דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר וָואס אִיז אַ הֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה וָואס אִיז דֶער אָנְהֵייבּ הִתְקַרְבוּת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם טַאטְן אִין הִימְל. הֶעלְף מִיר מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵמוּת אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי נֵיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טֻמְאָה אוּן אַרײַנְגֵיין אִין נֵיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי הַקְדוּשָׁה.

הֶעלְף מִיר דוּרְכְן זָאגְן תְּהִלִּים אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ מַיין אוֹת אוּן טוֹיעֶר פוּן תְּשׁוּבָה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר מַיין נֶפֶשׁ לוֹיט מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה אִין דִי נֵיין אוּן פֶערְצִיג אוֹתִיּוֹת פוּן דִי שִׁבְטֵי יָ-ה, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר מִיט אַן אֱמֶת אוּן אַ גַאנְצֶע הַארְץ דִיר צוּ דִינֶען מִיט יִרְאָה אוּן אַהֲבָה, בְּשִׂמְחָה בְּטוּב לֵבָב. הֲשִׁיבֵנוּ ה׳ אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי" אָמֵן וְאָמֵן:

# איין אשה'לע

*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

"צוּבִּינְדְן דִי בֶּענְדְלֶעךְ," הָאבְּן דִי הוֹיכְהִילְכֶערְס אוֹיפְן פְלִיגֶער גֶעמָאלְדְן.

יָא, זִיכֶער. וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, דָאס וֵוייסְט יֶעדֶער, אָבֶּער וָואס אִיז מִיטְן גֶעזוּנְט פוּן אוּנְזֶער נְשָׁמָה? אוֹיף דֶעם קִימֶערְן זִיךְ נִישְׁט דִי פְלִיגֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קַיין כִּי הוּא זֶה. פַארְוָואס מֵיינֶען זֵיי אַז מֶען בְּרוֹיךְ אוֹיסְהֶענְגֶען ווִידִיאָוֹ סְקְרִינְס פּוּנְקְט קֶעגְן מַיינֶע אוֹיגְן?

אַיי, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעמַאכְט קַאדַאטְשְׁקֶעס קֶעגְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן מִיר גֶעוָואלְט מַכְשִׁיל זַיין.

דִי נְסִיעָה הָאט גֶענוּמֶען לַאנְג. זֵייעֶר לַאנְג. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין קוֹים גֶעקֶענְט וַוארְטְן אָנְצוּקוּמֶען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן בַּיים סֵדֶר נַאכְט פוּן מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע, אָבֶּער מֶער פוּן אַלֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין רֵיין פוּן דֶעם פְלִיגֶער.

אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פוּן טִיפְן הַארְצְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

דִי מִינוּטְן הָאבְּן זִיךְ גֶערוּקְט זֵייעֶר לַאנְגְזַאם. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט גֶעהַאט גֶענוּג אוּן נָאךְ צַייט מִיר צוּ שְׁלֶעפְּן צוּ זִיךְ. "וָואס אִיז שׁוֹין? גֶעבּ נָאר אֵיין קוּק אַזוֹי וֶועסְטוּ ווִיסְן וִוי שְׁלֶעכְט דָאס אִיז אוּן אַז דוּ בְּרוֹיכְסְט זִיךְ הִיטְן."

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף!" הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיגְן פוּן טִיפְן הַארְצְן.

אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן זַיין זַייט הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט. "נוּ, הֶערְשִׁי, אֵיין קְלֵיינֶע בְּלִיק פוּן אַ זַייטִיגְן אוֹיג. נִישְׁט גֶעהֶערִיג קוּקְן. אַוַודַאי נִישְׁט. אַזַא הֵיילִיג אִינְגְל וִוי דוּ, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין ווִידִיאָוס אָבֶּער נָאר בְּלִינְקְן בְּטָעוּת. נַחְמָן, אַ טָעוּת אִיז מֻתָּר לְכָל הַדֵּעוֹת. וֶועסְט מַאכְן אַ טָעוּת אוּן דֶערְנָאךְ וֶועסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן. כְּ'זָאג דִיר, סְ'נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וִוי דִי מַאכְסְט דָאס..."

אָבֶער אִיךְ הָאבּ דאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען מוּז זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן פוּן רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, אֲפִילוּ נָאר אֵיין קְלֵיינֶע בְּלִיק בְּטָעוּת אִיז גֶעפֶערְלִיךְ הַארְבּ.

אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פַּיְגָא בֶּן שִׂמְחָה זָאל מִיר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן דִי כֹּחוֹת זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיטְן בַּאן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זִיךְ צוּ הִיטְן. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען בִּיז מֶען הָאט אִין אַ גוּטֶע שָׁעָה גֶעלַאנְדֶעט אוֹיפְן עֶרְד.



טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אִיךְ וִויל מִיט אַייךְ מִיטְטֵיילְן אַז יָא, תְּפִלָּה הֶעלְפְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת פוּן הִימְל צוּ שְׁטֵיין פֶּעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נַארִישֶׁע זַאכְן, אַזוֹי הָאט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן רֵיין דִי גַאנְצֶע צַייט. אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט צוּרִיקְקוּמֶען אִין חֶדֶר מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן אָנְצוּהֵייבְּן אַ פְרִישֶׁע זְמַן וַוייטֶער צוּ זַיין נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער בַּיים לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אַךְ, דֶער גוּטֶער גֶעפִיל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט בַּיים אִיבֶּערְקוּמֶען דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז מֶער וִוי דִי אַלֶע נַארִישֶׁע הַנָּאוֹת.

## יומא דהילולא כ"ו ניסן תרמ"ד

ר' נַחְמָן חַזָּן מִטוּלְטְשִׁין וֶועלְכֶע אִיז אַלס קְלֵיין קִינְד גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם אוּן אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זַיין פֶּעטֶער ר' רְאוּבֵן יוֹסֵף פוּן שְׁטָאט הֵייסִין, פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער פֶּעטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעל'בַּתִּישֶׁער אִיד אוּן דֶעם רֶבִּי'נְס לַייט וֶועלְכֶע פְלֶעגְן פָארְן קַיין אוּמַאן פְלֶעגְן אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי חָשׁוּבֶע גֶעסְט וֶועלְכֶע פְלֶעגְן בַּיי אִים וַוילְן, מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט ר' נָתָן וֶועלְכֶער פְלֶעגְט אוֹיךְ אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים, אוּן עֶר הָאט דַאן גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם קְלֵיינֶעם יָתוֹם'ל נַחְמָן זָאל בַּאדִינֶען ר' נָתָן מִיט דִי בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ.

אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ צוּ זִיצְן בַּיי אֵיין טִישׁ נֶעבְּן ר' נָתָן אוּן נִישְׁט מִיטְכַאפְּן אוֹיפְן בַּאן צוּ וֶוערְן אָנְגֶעוָוארֶעמְט אוּן אָנְגֶעפְלַאקֶערְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן פְלַאם? דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן וָואס הָאט אִים דָארְט בַּאדִינְט אוּן מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען, הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהֶערְט דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן ר' נָתָן אוּן זִיךְ אַיינְגֶעזַאפְּט אִין זַיין רֵיינֶע נְשָׁמָה'לֶע דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע רֵייד וָואס וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ר' נַחְמָן אִיז דַאן אַלְט גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַכְט יָאר, ר' נָתָן הָאט דַאן בַּיי דִי סְעוּדָה גֶערֶעדְט גָאר וַוארִימֶע רֵייד וֶועגְן דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶעם וֶועלְט, צוּם סוֹף שְׁמוּעֶס הָאט ר' נָתָן אוֹיסְגֶעפִירְט אַזוֹי: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מ'קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז יָא אוּן מ'קֶען דָאס יָא בַּאקוּמֶען". דִי הֵיילִיגֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיין וִוי אַ דִינֶער גְלַייךְ אִין דִי הַארְץ פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם נַחְמָן אוּן זַייט דַאן אִיז עֶר שׁוֹין פַארְבְּלִיבְּן דֶער מְשָׁרֵת נֶאֱמָן בַּיים ר' נָתָן זי"ע.

אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן אִיז עֶר פַארְבְּלִיבְּן דֶער תַּלְמִיד וָואס ר' נָתָן הָאט אִים וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין אוּן מַאכְן תַּלְמִידִים אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן וֶועגְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן נָאךְ אוּן נָאךְ.

ר' נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט זַיין תְּמִימוּת אוּן שִׁפְלוּת, עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל גֶעוֶוען פַאר זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן ר' נָתָן, אוּן הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין צוּפִיס וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים כְּדֵי צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן ר' נָתָן, וִוי לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּן נָאךְ, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דָאס אִים נִישְׁט צוּגֶעבְּרֶענְגְט זִיךְ צוּ גְרֶעסֶער הַאלְטְן פוּן אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים.

# לעובדא ולמעשה



בִּשְׁעַת עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע הִתְנַגְּדוּת, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען פַארְשִׁיקְט פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין נֶעמִירוֹב אוֹיף דְרַיי יָאר, אִיז כָאטְשׁ אִין נֶעמִירוֹב אִיז עֶר גֶעוֶוען פְרַיי, אָבֶער אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּנוֹיף קוּמֶען, וַוייל דִי מְסִירָה אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַז עֶר מַאכְט סְעוּדוֹת אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ צוּנוֹיף, הָאבְּן שׁוֹין מֶענְטְשְׁן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען אַזוֹי, עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען אַ צְוֵויי-דְרַיי מֶענְטְשְׁן, אָבֶער זַיינֶע נָאנְטֶע אַזוֹי וִוי עֶס פְלֶעגְן גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן'עֶן.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער חוֹלֵק זָאל מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיפְטוּהְן נָאר דָאס וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע סְפִירָה אוּן דֶעם אַקְדָּמוּת, וֶועט עֶר שׁוֹין דַארְטְן אוֹיף הָאבְּן גֶענוּג!"

מִיר מֵיינֶען דָאךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן, מֶען מֵיינְט דָאךְ צוּ רֶעדְן וָואסְפַּארַא רְפוּאוֹת דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אוּנְז צוּ; אַלֶע הָאבְּן דָאךְ אַ מִצְוָה פוּן סְפִירָה, נָאר מִיטְן רֶבִּי'ן הָאבְּן מִיר טַאקֶע אַ מִצְוָה פוּן סְפִירָה אַז מֶען וַוייסְט טַאקֶע פוּן סְפִירָה, פוּן עֶפֶּעס רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶפֶּעס אוֹיסְשְׁרַייעֶן! נִישְׁט נָאר בִּשְׁעַת סְפִירָה, נָאר דֶעם גַאנְצְן טָאג אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ סְפִירָה, אִינְזִינֶען הָאבְּן בַּייטָאג אַז עֶס אִיז דָא אַ סְפִירָה, נוּצְן דִי טֶעג. וָואס אִיז סְפִירָה? טֶעג פוּן ז' נְקִיִּים! פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה דַארְף מֶען הָאבְּן זִיבְּן רֵיינֶע וָואכְן, זִיבְּן רֵיינֶע טֶעג - אַזוֹי הָאט מֶען עֶפֶּעס אַ שַׁייכוּת מִיט דֶער מִצְוָה!

זֶעהֶען מִיר דָאךְ אַלֶץ אַרוֹיס, דוּרְכְן רֶבִּי'ן זֶענֶען מִיר אוּמֶעטוּם רַייךְ - וואוּ מֶען גִיט זִיךְ אַ רִיר אִיז מֶען אַלֶץ רַייךְ. אַלֶע הָאבְּן דִי מִצְוָה, אָבֶער דֶעם גֶעפִיל פוּן דֶער זַאךְ הָאבְּן נִישְׁט אַלֶע.

עֶס גֵייט אִיצְטֶער אַ זוּמֶער, עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ גֶעוַואלְד, מֶען הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ נִסָּיוֹן. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט, דִי צְוֵויי אוֹיגְן זֶענֶען צְוֵויי יוּדִי"ן, דִי נָאז אִיז אַ וָא"ו, אִיז עֶס דֶער שֵׁם הוי"ה; מִיט אַלֶע אֵיבָרִים מַאכְט מֶען צֵרוּפִים פוּן דֶעם שֵׁם הוי"ה.

דֶער בַּעַל דָּבָר אִיצְטֶער הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט מִיט אַזָא פְּגַם אִין דִי לְבוּשִׁים רַחֲמָנָא לִיצְלָן!... זוּמֶער -אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נִסָּיוֹן מִיט דִי לְבוּשִׁים!

וָואס אִיז דִי עֵצָה? דִי עֵצָה אִיז תְּפִלָּה! אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, גֵייט מֶען אַרוֹיס אוֹיף אַ מִלְחָמָה, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען גַאנְץ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶען הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי פִּרְקֵי-אָבוֹת אוֹיף דֶעם! וָואס אִיז דִי פִּרְקֵי-אָבוֹת וָואס מֶען הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען זוּמֶער? וֶועגְן דִי מוּסָר וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט; זוּמֶער דַארְף מֶען הָאבְּן דִי מוּסָר נָאךְ מֶערֶער וִוי ווִינְטֶער,

וַוייל דֶער זוּמֶער בְּרֶענְט, אִינְדְרוֹיסְן בְּרֶענְט!

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מִיט דֶעם כֹּחַ פוּנֶעם רֶבִּי'ן אִיז דָא עֵצוֹת אוֹיפְן זוּמֶער אוֹיךְ! אַז מֶען אִיז מַאֲרִיךְ יָמִים וֶועט מֶען דָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ זוּמֶערְס, אַז אֵיינֶער וֶועט לֶעבְּן הוּנְדֶערְט יָאר, וֶועט עֶר הָאבְּן הוּנְדֶערְט זוּמֶערְס, הוּנְדֶערְט וִוינְטֶערְס.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ.

גענומען פון טעם זקנים מיט איינצעלע שינויים

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת – הַקְדָּמָה לְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## פוּן גְּאוֹן־עוּזֵּנוּ מוֹרֵנוּ רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן רַבֵּינוּ־הַקָּדוֹשׁ זיע"א



## לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת

אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] מַעֲשִׂיּוֹת"!

וָוארְן דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' וָואס אִין דֶעם סֵפֶר שְׁטֵייעֶן, הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער קְדוֹשׁ־עֶלְיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי ר' נַחְמָן זֵכֶר־צַדִּיק־לִבְרָכָה, זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֵיין.

זַיין כַּוָּונָה אִיז גֶעוֶוען אוּנְז צוּ לֶערְנֶען: "וְויאַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ דִינֶען"!

אוּן הַלְוַאי מִיר זָאלְן פַארְשְׁטֵיין: דִי 'גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת', אוּן דֶעם 'מוּסָר', וָואס עֶס שְׁטֶעקְט אִין דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' – וֶועלְן מִיר זַיין פְרוּמֶע יוּדְן, אַזוֹי־ווִי מֶען דַארְף צוּ זַיין! אוּן 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' וֶועט אוּנְז שִׁיקְן דֶעם 'גוֹאֵל־צֶדֶק', בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן!

הַקְדָּמָה אִין אִידִישׁ

פוּן גְּאוֹן־עוּזֵּנוּ מוֹרֵנוּ רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן רַבֵּינוּ־הַקָּדוֹשׁ זיע"א

[פוּן עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע"ה]

דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' וָואס דָא שְׁטֵייעֶן אִין דֶעם 'סֵפֶר', אִיז אִין זֵיי דָא זֵייעֶר גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת הַתּוֹרָה'! – סְ'אִיז אִין זֵיי בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן! – סְ'אִיז אִין זֵיי נִישְׁט פַארְהַאנְדְן אֵיין וָוארְט וָואס סְ'זָאל זַיין פָּשׁוּט!

אוּן אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשְׁן, קֶענֶען זִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען גְרוֹיס מוּסָר פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת! – וָוארְן דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת', הָאבְּן אַ 'גְרוֹיסְן כֹּחַ', אוֹיפְצוּוֶועקְן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם 'שְׁלָאף' – אַז מְ'זָאל חַס־וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע יָאהְרְן אוּמְזִיסְט!

אוּן וֶוער סְ'וִויל אַרַיינְקוּקְן אִין דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' מִיט אַן אֱמֶת אוֹיג, קֶען עֶר זֶעהְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל, גָאטְ'ס גְרוֹיסְקַייט!

אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשְׁן, קֶען זֵיי אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ בִּלִישְׁטְשׁ טָאן 'ווִינְקְן פוּן מוּסָר', אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גוּט אַרוּמְקוּקְן: "וָואס דֶער תַּכְלִית אִיז פוּן דֶער וֶועלְט"! – אַז מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אוּן מְ'זָאל טָאג אוּן נַאכְט תְּפִילָּה טָאן: "אַז מְ'זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי 'נַארִישְׁקַייט' פוּן דֶער וֶועלְט"! – אוּן מְ'זָאל

זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי־וִוי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִויל.

און וַוייטֶער וָואס אִין דִי ׳מַעֲשִׂיּוֹת׳ אִיז פַאְרהַאנְדְן בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרַייבְּן, און נִישְׁט דֶערְצֵיילְן! - אַז וואויל אִיז דֶעם, וָואס עֶר וֶועט אִין זֵיי עֶפֶּעס וויסְן!

און וַוייל מִיר הָאבְּן אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן זַיין מוֹיל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אַז עֶר הָאט חֵשֶׁק, אַז מְ׳זָאל דִי ׳מַעֲשִׂיּוֹת׳ דְרוּקְן, פוּן ׳אוֹיבְן׳ זָאל זַיין אוֹיף ׳לְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ׳, און פוּן ׳אוּנְטְן׳ אוֹיף ׳טַייטְשׁ׳! - דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הָאבְּן מִיר זַיין ׳הֵיילִיגְן רָצוֹן׳ מְקַיֵּים גֶעוֶוען, און מִיר הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעדְרוּקְט!

וָוארְן פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶ׳ע] מֶענְטְשְׁן בַּאדַארְפְן אוֹיךְ וויסְן פוּן דִי ׳מַעֲשִׂיּוֹת׳! - כָאטְשֶׁע זֵיי וֶועלְן גָאר קַארְג [וֵוויינִיג] פַארְשְׁטֵיין, וָואס מְ׳מֵיינְט, און וואוּהִין דִי ׳מַעֲשִׂיּוֹת׳ דֶערְלַאנְגְן - אִיז פָארְט פַאר זֵיי אַ ׳גְרוֹיסֶע טוֹבָה׳ צוּם ׳תַּכְלִית׳, אַז זֵיי וֶועלְן אִין זֵיי אַרַיינְקוּקְן מִיט אַן ׳אֱמֶת אוֹיג׳! - וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ צוּ דֶערְוֶועקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כַּבְּ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! - וָוארְן דִי ׳מַעֲשִׂיּוֹת׳, זֶענֶען נִישְׁט קַיין לֶערֶע [לֵיידִיגֶע] זַאכְן חַס־וְשָׁלוֹם!

און דֶער ׳רַבִּי׳ עָלָיו־הַשָּׁלוֹם - פְלֶעגְט אַלֶעמָאל נָאךְ דָאס ׳רוֹב מַעֲשִׂיּוֹת׳, צוּ זָאגְן ׳עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים׳ און ׳עֶטְלִיכֶע זַאכְן׳! כְּדֵי מְ׳זָאל וויסְן: אַז עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין ׳דְבָרִים־בְּטֵלִים׳ חַס־וְשָׁלוֹם - הָאט עֶר אַבִּיסְל גֶעוויזְן ׳ווינְקְן׳ [רְמָזִים], וואוּהִין זֵיי דֶערְלַאנְגְן - וָוארְן [וַוייל] דִי ׳אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת׳, זֶענֶען דוּרְךְ [לוֹיטֶער]

זוך אויף די ווערטער עטליכע
מאל אינעם היינטיגן גליון
מיטכאפן אויבן באן



׳סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה׳!

~ חַיֵּי מוהר״ן (אות כה) ~

~ אִין אִידִישׁ ~

## דֶער רֶבִּי זיע״א הָאט גֶעזָאגְט:

## ״הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דְרַיי זַאכְן, אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט״!

(א) דִי וֶועלְט זָאגְט: ״אַז ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ אִיז מְסוּגָל אוֹיף אַיינְצוּשְׁלָאפְן״! און אִיךְ זָאג: ״אַז דוּרְךְ ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳, וֶועקְט מֶען אוֹיף מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף״!

(ב) דִי וֶועלְט זָאגְט: ״אַז פוּן דֶערְצֵיילְן זַאכְן וֶוערְט מֶען נִישְׁט גֶעהָאלְפְן מִיט קִינְדֶער (פוּן זָאגְן, וֶוערְט מֶען נִישְׁט טְרָאגְן)״! - און אִיךְ זָאג: ״אַז פוּן דֶערְצֵיילְן זַאכְן פוּנֶעם צַדִּיק, וָואס עֶר וֶועקְט דֶערְמִיט אוֹיף מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף, קוּמְט דוּרְכְדֶעם ׳פְּקִידַת עֲקָרוֹת׳ [גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער]״!

(ג) דִי וֶועלְט זָאגְט: ״אַז דֶער אֱמֶת׳ער גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, וַוייל צוּ וָואס דַארְף עֶר גֶעלְט״?! - און אִיךְ זָאג: ״אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט הִתְבּוֹנְנוּת [זִיךְ פַארְטִיפְן אִין דִי תּוֹרָה], וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דֶערְצוּ דִי גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פוּן דִי וֶועלְט״!

[זֶעה לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן ח״א תּוֹרָה ס׳]

נָאךְ הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט, לְגַבֵּי דֶעם וָואס זַיין רָצוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל דְרוּקְן דִי ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ אוֹיךְ אוֹיף ׳אִידִישׁ טַייטְשׁ׳ וָואס מִיר רֶעדְן דֶערְמִיט: ״אַז עֶס קֶען גְרִינְג גֶעשֶׁעהְן, אַז אַ פְּרוֹי וָואס אִיז אַ ׳עֲקָרָה׳ [חָלִילָה], זָאל לֵיינֶען דֶערִין עֶפֶּעס אַ ׳מַעֲשֶׂה׳, און דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן צוּם

# דעם רבינ'ס משלים



אַ חֵלֶק פוּן דֶעם חַבוּרָה, וָואס הָאט פַּאסִירְט מֵאִירְ'קֶע אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר נִישְׁט דוּ גַאנְצֶע זַאךְ? דוּ פֶעלְסְט אוּנְז זֵייעֶר אוֹיס! יֶעדֶע וָואךְ שְׁמוּעֶסְט מֶען אַרוּם אַן אַנְדֶערֶע חָשׁוּבֶ'ע נוֹשֵׂא. אַמָאל וֶועגְן זַיין גֶעוָוארְנְט צוּ זָאגְן 'שְׁנַיִם מִקְרָא', וֶועגְן זְהִירוּת אִין מִצְוַת 'כִּבּוּד אָב וָאֵם', אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' אוּן אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק"...

אוֹי, גֶעבְּט מֵאִירְ'קֶע אַ קְרֶעכְץ, עֶר שְׁפְּרֵייט אוֹיס זַיינֶע הֶענְט וִוי פוּן שְׁלָאף, עֶר רַייבְּט דִי אוֹיגְן אוּן זָאגְט מִיט מִידֶעקַייט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ... זִיךְ צוּ מְעוֹרֵר זַיין, אוּן מִיטְכַאפְּן מִיטְן בַּאן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, צוּ פַאלְן אוּן פַארְשְׁלָאפְן, אַיינְדְרִימְלֶען אוּן חָלוֹמֶ'ען... אַמָאל פְלֶעג אִיךְ מַקְפִּיד זַיין צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פוּן אִינֶוויינִיג, גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, גֶעלֶערְנְט פַארְן דַאוֶונֶען, גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת בִּקְבִיעוּת אָן קַיין חָכְמוֹת, כְ'הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט פְרֵייד אוּן גֶעקֶענְט דִי בְּחִינוֹת. דָאס אַלֶעס הָאט זִיךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אַזוֹי צִיט זִיךְ מִיר דֶער מַצָב אַז כְ'הָאבּ זִיךְ לַיידֶער צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ שְׁטוּפְּן דִי צַייט אוּן פוֹילֶעצְן, כִּמְעַט וָואס אִיךְ לֶערְן נִישְׁט הַיינְט, דוּ זֶעסְט מַיין מַצָב"...

"הֶער מִיר אוֹיס, מַיין טַייעֶרער חַבֵר מֵאִירְ'קֶע, פוּן אַ נְפִילָה פַאלְט מֶען נִישְׁט! דָאס גֶעשֶׁעט פַאר יֶעדְן, אַלֶע סָארְטְן אוּמְשְׁטֶענְדְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אַ אִיד דוּרְכְאוֹיס זַיין לֶעבְּן, פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, אָבֶּער צוּ בְּלַייבְּן אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין דֶער נְפִילָה אוּן בְּלַייבְּן דָארְט שְׁלָאפְן דָאס אִיז אַן אֱמֶת'ע נְפִילָה.

אַ גוּטֶע עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר. אִיךְ וֶועלְן דִיר גֶעבְּן צוּ לֵיינֶען 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת' וָואס פַארְמָאגְט דִי כֹּחַ צוּ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף. דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת וֶועט צוּבְּרֶעכְנֶגְען דִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען פוּן דַיין עַצְבוּת, זִיךְ אוֹיפְצוּאוֶועקְן פוּן שְׁלָאף אוּן אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט שִׂמְחָה, אַהֲבָה אוּן אַ בְּרֶען. עֶס אִיז דָאךְ פַארְהַאן זִיבֶּעצִיג פָּנִים לְתוֹרָה אוּן וֶוען מֶען וִויל דֶערְוֶועקְן אַ אִיד פוּן שְׁלָאף דַארְף מֶען אִים וַוייזְן דֶעם פָּנִים אוּן בַּאקְלֵיידְן דָאס פָּנִים מִיט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת.

אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען הֵיילְט אוֹיס אַ בְּלִינְדְן, דַארְף מֶען פַארְמַאכְן דִי לָאדֶענֶעס עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְאֵיינְמָאל זֶען לִיכְטִיגְקַייט, מֶען דַארְף אִים מְצַמְצֵם זַיין דֶעם אוֹר עֶס זָאל אִים נִישְׁט שָׁאטְן דִי לִיכְט, דָאס טוּט דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת, עֶס בְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסֶע לִיכְט מִיט אַ רִיכְטִיגֶע צִמְצוּם".

מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן אַנֶערְקֶענֶען אִיר גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס זִי פַארְמָאגְט צוּ אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיין טֶעג אוּן יָארְן. (ע"פ הקדמת הסיפו"מ וליקו"מ ס').



טייערע קינדער, בעז"ה קומענדיגע וואך הייבן מיר אן דעם ספר סיפורי מעשיות משנים קדמוניות, איר זענט אלע געלאדנט צו זיך באנייען און זיך מיטכאפן אויפן באן וואס וועט אונז פירן צום רעכטן תכלית, זוכה צו זיין צו ווערן אמת'ע ערליכע אידן ווי דער רצון השם איז.

מיט ווינטשן אייך הצלחה אויף די רייזע...



# דעם רבי'נס משלים

דֶער חֵדֶר שִׁעוּרִים פוּן שִׁיעוּר ב׳ אִיז גֶעוֶוארְן אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט, גֶעבְּלִיבְּן אִיז נָאר לֶעזֶער אוּן מֵאִירְ׳קֶע. לֶעזֶער עֶנְדִיגְט צוּ שְׁרַייבְּן דִי מְפָרְשִׁים וָואס מֶען הָאט נָארְוָואס אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. וְוידֶערְאוּם מֵאִירְ׳קֶע הֵייבְּט אוֹיף זַיין קֶאפּ פוּן אַ קוּרְצֶע דְרִימְל אוּן בַּאמֶערְקְט אַז זַיינֶע חֲבֵרִים זִיצְן שׁוֹין אִין חֵדֶר אוֹכֵל.

"וָואס מַאכְסְטוּ מַיין טַייעֶרֶער חַבֵר מֵאִירְ׳קֶע?" פְרֶעגְט לֶעזֶער. "דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אוּן טְרוֹיעֶרִיג? נֵיין-נֵיין-נֵיין, כְ׳בִּין נִישְׁט בֶּאֱמֶת טְרוֹיעֶרִיג כְ׳נָאר גֶעוֶואלְט זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין מַיינֶע גֶעפִילְן פוּן הָאֶרֶץ.

"עֶס פְרַיידְט מִיר אַז עֶס

מעמד סיום סיפורי מעשיות
לילדי ברסלב חול המועד
פסח, באולם אוהל פינא,
בית שמש

## קום מַיין פְרַיינְד, וֶועק זיך אויף !

שְׁטֵייט שוֹין אַרִיבֶּער צְוֵויי חֳדָשִׁים דִי חֲבוּרוֹת פוּן דִי בָּחוּרִים, וֶוען יֶעדְן לֵיל שִׁישִׁי זִינְגְט מֶען אִינְאֵיינֶעם נִגוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת אוּן דְבֵקוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דֶערְנָאךְ וֶוערְט גֶעהֶערְט אַ חִזוּק-שְׁמוּעֶס פוּן אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים; סְ׳אִיז מַמָשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער טְרוֹיעֶרִיג אַז אִיךְ זֶע דִיר נִישְׁט צְוִוישְׁן זֵיי. אַלֶע חֲבֵרִים אוּן אִיךְ ווִילְן זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין

המשך אויף זייט 10















